בס"ד

# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

תשפ"ב | פרשת חיי שרה | 405

## פניני אמונים
### פערל ווערטער אויף אמן און דאווענען אין די פרשה

### די וויכטיגקייט פון תפילה

"וַיֹּאמֶר אֵלָיו הָעֶבֶד אוּלַי לֹא תֹאבֶה הָאִשָּׁה לָלֶכֶת אַחֲרַי אֶל הָאָרֶץ הַזֹּאת...; וַיֹּאמֶר אֵלָיו אַבְרָהָם...; ה' אֱלֹקֵי הַשָּׁמַיִם... הוּא יִשְׁלַח מַלְאָכוֹ לְפָנֶיךָ וְלָקַחְתָּ אִשָּׁה לִבְנִי מִשָּׁם" (כד ה-ז)

פון די פסוקים קענען מיר ארויסלערנען ווי וויכטיג איז דאס דאווענען אויף יעדע זאך. מיר טרעפן אז אלע מענטשן האבן מחשיב געווען אברהם אבינו פאר א 'נשיא אלקים' (בראשית כג ו), און וועגן דעם האט מען זיך געוואלט משדך זיין מיט אים, אזוי ווי חז"ל זאגן (ב"ר מה א): "הגר איז געווען די טאכטער פון פרעה, און ווייל פרעה האט געזען וואס איז געווען ביי אים אין הויז צוליב שרה, האט ער גענומען זיין טאכטער און איר איבערגעגעבן פאר אברהם, און האט געזאגט: ענדערשט זאל מיין טאכטער זיין א דינסט אין דער הויז, און נישט א באלעבאסטע אין א אנדערער הויז". און אויב מ'האט געוואלט זי זאל זיין א דינסט ביי אברהם'ן אין הויז, איז דאך זיכער אז יעדער האט געוואלט זיין די באלעבאסטע אין זייער הויז. פון דעסוועגן, ווען אליעזר האט ארויסגעזאגט זיין זארג: "אוּלַי לֹא תֹאבֶה הָאִשָּׁה לָלֶכֶת", האט אברהם נישט אפגעמאכט זיינע ווערטער, נאר ער האט זיך באלד געשטעלט דאווענען: "ה' אֱלֹקֵי הַשָּׁמַיִם... הוּא יִשְׁלַח מַלְאָכוֹ לְפָנֶיךָ וְלָקַחְתָּ אִשָּׁה לִבְנִי מִשָּׁם".

אויך אליעזר האט זיך געלערנט פון זיין האר איבער די וויכטיגקייט פון תפילה, און וועגן דעם ווען ער איז אנגעקומען קיין ארם נהרים האט ער געדאוונט אז זיין שליחות זאל זיין מיט הצלחה. אויך ווען ער איז אנגעקומען מיט רבקה צו די הויז פון זיין האר און האט דערציילט פאר יצחק אלע פאסירונגען, האט ער באטאנט: "שנזדמנה לו רבקה **בתפילתו**" (רש"י להלן פס' טו).

'מעלות התפילה'

### יצחק האט געדאוונט צווישן ביימער

"**וַיֵּצֵא יִצְחָק לָשׂוּחַ בַּשָּׂדֶה לִפְנוֹת עָרֶב**" (כד סג)

"'לָשׂוּחַ' - איז א לשון תפילה, אזוי ווי (תהילים קב א): 'יִשְׁפֹּךְ שִׂיחוֹ'" (רש"י, ע"פ ברכות כו ב).

אין מסכת ברכות (לד ב) ווערט געברענגט אז רב כהנא האט בארעדט דער וואס דאוונט אין פעלד, ווייל ס'איז א אפענע פלאץ אן קיין ווענט. תוספות (שם ד"ה חציף) וואונדערן זיך ווייל אין אונזער פסוק זעהן מיר אז יצחק האט געדאוונט אין א פעלד? ענטפערט תוס' אז חז"ל דרש'ענען (פסחים פח א) פון אונזער פסוק אז יצחק האט אנגערופן דעם מקום המקדש וואו דארט האט ער געדאוונט 'שדה', קומט אויס אז די פסוק מיינט נישט צו זאגן אז יצחק האט געדאוונט אין א פעלד, נאר אין הר המוריה וואס זיין צונאמען איז 'שדה' (ע"פ ב"ח או"ח צ).

אויף נאך א וועג פארענטפערט דער **ב"ח** (שם) טאקע וועגן דעם האט די תורה דירעקט געשריבן: "וַיֵּצֵא יִצְחָק לָשׂוּחַ בַּשָּׂדֶה" און נישט "להתפלל בשדה", דיך צו לערנען אז יצחק האט נישט געדאוונט אין א אפענע פלאץ אין די פעלד, נאר צווישן ביימער און געוויקסן ('לשוח' איז פון דער לשון 'שיחים' וואס איז טייטש געוויקסן און ביימער).

### די שכר פון א ברכה 'עשרה זהב'

"**וַיִּקַּח הָאִישׁ נֶזֶם זָהָב בֶּקַע מִשְׁקָלוֹ וּשְׁנֵי צְמִידִים עַל יָדֶיהָ עֲשָׂרָה זָהָב מִשְׁקָלָם**" (כד כב)

פארוואס זאגט ארויס דער פסוק די וואג פון די צמידים?

**רבי יצחק מווינא** זאגט אין נאמען פון זיין רבי **רבי יהודה החסיד**:

ביי די מתנה פון די צמידים האט אליעזר געוואלט באצאלן פאר רבקה אויף דעם וואס אין איר זכות וועט ער לויבן ה' זאגנדיג (שפעטער פס' כז): "בָּרוּךְ ה' אֱלֹקֵי אֲדֹנִי אַבְרָהָם", און ווייל אברהם - זיין האר - האט אים אויסגעלערנט אז די ווערד פון א ברכה איז צען זהובים, דעריבער האט ער איר באצאלט צוויי צמידים וואס זייער וואג צוזאמען איז געווען 'עשרה זהב'. דער פסוק איז א סמך אויף דעם וואס די חכמים זאגן (ב"ק צא ב, ע"פ תוספות שם ד"ה וחייבו) אז די ווערד פון יעדע ברכה איז צען זהובים.

'אור זרוע' ח"א סי' שצט;

### די קפיצת הדרך האט זיך אויפגעהאלטן ביז ער האט געדאוונט

"**וַיֵּצֵא יִצְחָק לָשׂוּחַ בַּשָּׂדֶה לִפְנוֹת עָרֶב וַיִּשָּׂא עֵינָיו וַיַּרְא וְהִנֵּה גְמַלִּים בָּאִים**" (כד סג)

פארוואס דערמאנט די תורה אז יצחק האט געזען די קעמלען קומען אין די צייט וואס ער האט געדאוונט (אזוי ווי רש"י זאגט), איז דען דא א קשר צווישן די זאכן?

ערקלערט דער **'חתם סופר'**:

לכאורה וואלט מען זיך געקענט וואונדערן: דערנאך וואס אויפן וועג קיין ארם נהרים האט אליעזר זוכה געווען צו קפיצת הדרך (ב"ר נט יא) כדי ער זאל קענען ערפילן בזריזות זיין שליחות, פארוואס האט ער נישט געהאט קפיצת הדרך אויך ביים צוריקקערן? נאר מ'קען זאגן אז ווייל הקב"ה מתאווה לתפילתם של צדיקים, האט זיך אליעזר אויפגעהאלטן אויפן וועג און האט נישט זוכה געווען צו קפיצת הדרך ביז יצחק האט געדאוונט אויף דעם. דעריבער זאגט די תורה, אז ווען יצחק איז ארויס "לשוח בשדה" - דאווענען, באלד "וַיִּשָּׂא עֵינָיו וַיַּרְא וְהִנֵּה גְמַלִּים בָּאִים".

דאס איז אויך די כוונה פון רש"י ווען ער טייטש דעם לשון הפסוק (להלן סו): "וַיְסַפֵּר הָעֶבֶד לְיִצְחָק אֵת כָּל הַדְּבָרִים אֲשֶׁר עָשָׂה" - "גילה לו נסים שנעשו לו, שקפצה לו הארץ, ושנזדמנה לו רבקה בתפלתו"; גייענדיג האט אליעזר געהאט קפיצת הדרך, אבער אויף צוריק האט מען אים פון הימל אפגעהאלטן, כדי רבקה זאל אנקומען צו יצחק דורך זיין תפילה.

'חתם סופר'

### דער צדיק פועל'ט מיט זיין דאווענען

"**וַיְסַפֵּר הָעֶבֶד לְיִצְחָק אֵת כָּל הַדְּבָרִים אֲשֶׁר עָשָׂה**" (כד סו)

"גלה לו נסים שנעשו לו שקפצה לו הארץ ושנזדמנה לו רבקה בתפלתו" (רש"י, ע"פ ב"ר ס טו)

**רבי אליהו מזרחי** וואונדערט זיך: אויב האט אליעזר טאקע איינערקענט אז אלעס איז געשען בדרך נס און דורך זיין תפילה, וואלט ער געדארפט זאגן: "את כל הדברים אשר נעשו", און נישט זאגן - "אשר עשה"?

ענטפערט דער ראב"ד **רבי משה שטערנבוך** אז פון דא איז א ראיה אז ווען א צדיק פועל'ט עפעס דורך זיין תפילה, ווערט די זאך מתייחס צו אים, און עס איז גערעכנט ווי ער וואלט געטון די זאך מיט זיינע אייגענע הענט.

'עבודת התפילה' [נדפס בראש ספר 'אבני שהם' - תפילה] פ"ד אות ו



### רבנו יונה גירונדי זצ"ל
#### כח חשון ה"א כד

החסיד רבינו יונה גירונדי, האט מעמיד געווען אסאך תלמידים, און דער באקאנטער פון צווישן זיי איז דער רשב"א. ער האט פארפאסט אסאך ספרים, צווישן זיי: 'שערי תשובה'; 'עליות דרבינו יונה' אויף ב"ב, און נאך. ער איז נפטר געווארן אין טאלדא כ"ח חשון ה"א כ"ד, און ס'איז נישט באקאנט וואו ער איז באערדיגט.

### א דאפלטן שכר

"ווען דער שליח ציבור דאוונט איבער, דארף מען ענטפערן אמן אויף יעדע ברכה און ברכה. און אינזין האבן ביי יעדע ברכה ער זאל וויסן אויף וועלעכע ברכה ער ענטפערט אמן, און ער האט אין דעם א דאפלטן שכר, און עס איז גערעכנט ווי ער וואלט געדאוונט צוויי מאל איינמאל נאכן צווייטן, און חז"ל זאגן אין מדרש (ראה מדרש תהלים כז) אויב דו האסט געדאוונט און נישט אינזין געהאט און דו האסט נאכאמאל געדאוונט, וועט דיין תפלה אנגענומען ווערן" ('אגרת התשובה' [לרבנו יונה] אות ט).



ברכות השחר: אויפן קול | מיט כוונה | מיט א חברותא.

# אוצרות אמונים

פותחין לו
שערי גן עדן

## א סעריע ערקלערונגען (ד)

די חכמים (שבת קיט ב) האבן צוגעזאגט א וואונדערליכן און ספעציעלן שכר פאר דער וואס איז מקפיד צו ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין, און אזוי האבן זיי געזאגט: "אמר ריש לקיש: כל העונה אמן בכל כוחו פותחין לו שערי גן עדן, שנאמר: (ישעיה כו ב): 'פתחו שערים ויבוא גוי צדיק שמר אמנים' -אל תקרי 'שמר אמנים' אלא 'שאומרים אמן'". אין די פאלגנדע ארטיקל וועלן מיר צולייגן און ברענגען א סעריע ערקלערונגען פון די גדולי הדור אויף דער מאמר:

### טון נחת רוח מיט מסירות נפש

רבי אליעזר פאפו בעל 'פלא יועץ' זאגט: די געוואלדיגע שכר וואס איז צוגעזאגט פאר דער וואס איז מקפיד ענטפערן אמן בכל כוחו - "פותחין לו שערי גן עדן", לערנט אונז די געוואלדיגע מעלה פון ענטפערן אמן, און די אויסטערלישע נחת-רוח וואס דערגרייכט צו הקדוש ברוך הוא פון ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין. און עס איז קלאר אז דער מענטש דארף זיין גליקליך פון דעם וואס ער איז זוכה טון א נחת רוח פאר זיין באשעפער, און עס איז ראוי פאר יעדן זיך מוסר נפש זיין אויף דעם ('חסד לאלפים' [לבעל 'פלא יועץ'] נו א).

### מ'זעהט וואס טוט זיך אין גן עדן

רבי פנחס מקאריץ האט אמאל געזאגט אויף א צדיק אז ער זעט אים אין גן עדן, אבער ער איז נאכנישט אנגעקומען צום דרך האמת. הערנדיג די ווערטער האט איינער פון די צוהערהער געפרעגט מיט וואונדער: "דער רבי געפינט זיך דאך אויף דער וועלט, איז וויאזוי ווייסט ער וואס טוט זיך אין גן עדן?"

האט אים רבי פנחס געענטפערט: "די חכמים האבן געזאגט (שבת קיט ב) אז 'העונה אמן בכל כחו פותחין לו שערי גן עדן'; עס שטייט נישט 'יפתחו' - בלשון עתיד, נאר 'פותחין', ווייל שוין אויף דער וועלט איז ער זוכה אז די טויערן פון גן עדן ווערן געעפנט פאר אים און זעט וואס דארט טוט זיך. אבער מ'דארף געדענקען אז דער שכר איז בתנאי אז מ'ענטפערט אמן 'בכל כוחו'" ('שומר אמונים' מאמר פתחו שערים פ"ב).

א ענליכע ערציילונג ווערט דערציילט אויפן 'ברוך טעם', רבי ברוך פרענקל-תאומים:

איינמאל איז רבי ברוך געזיצן ביי א סעודת ברית מילה, און פלוצלינג האט זיך אנגעזען א שמייכל אויף זיין געזיכט. אויף די וואונדער פון די באטייליגטע האט ער געענטפערט אז ער האט געשמייכלט צוליב וואס ער האט עפעס געזען אין עולם העליון. איינער פון זיי האט זיך געשטארקט און געפרעגט: "פארוואס בין איך נישט זוכה זען וואס עס טוט זיך אין עולם העליון...?"

האט אים רבי ברוך געענטפערט: "די חכמים זאגן (שבת קיט ב) 'כל העונה אמן בכל כוחו פותחין לו שערי גן עדן'; די חכמים האבן נישט געזאגט אז דער מענטש ווערט צו דעם זוכה זיין נאר נאך זיין פטירה, נאר זיי זאגן 'פותחין' בלשון הווה, און דאס מיינט אז ווען ער לעבט נאך אויף דער וועלט וועט ער זוכה זיין אז די שערי גן עדן וועלן זיין אפן פאר אים און וועט זען וואס טוט זיך דארט, אבער נאר אויב ער איז מקפיד ענטפערן אמן 'בכל כוחו'".

"אויך דו", האט דער 'ברוך טעם' געזאגט פארן שואל, "אויב דו וועסט ענטפערן אמן מיט דיין גאנצן כח וועסטו זיכער זוכה זיין אז עס וועט זיך עפענען פאר דיר די שערי גן עדן און וועסט זוכה זיין צו זען וואס עס טוט זיך דארט" ('אשל ברוך' [לאדזש תרצ"ג] אות מז).

### די שליחות פון 'ריש לקיש'

עס האט דערציילט דער 'ברכת אברהם' פון סלאנים:

רבי שמעון דער דיין אין ווילנא האט זיך געפירט ארומגיין אין די שולן פון זיין שטאט און מעורר דעם ציבור אויף דעם ענין פון ענטפערן אמן.

איינמאל איז אנגעקומען קיין ווילנא איינער פון די גדולי הדור, און באמערקענדיג די הנהגה פון דער דיין רבי שמעון, האט ער זיך אינטערעסירט אויף די אורזאך פון זיין מנהג. אלץ א ענטפער האט אים רבי שמעון דערציילט:

"דאס איז געווען ווען איך בין אמאל געזיצן ביי מיר אין הויז און געלערנט פלייסיג מסכת שבת. א לאנגע צייט האב איך געלערנט ביז די אויגן דעקלעך האבן זיך פארמאכט און מיין קאפ איז אראפגעפאלן אויף די געעפענטע גמרא. פלוצים זעה איך אין חלום א מענטש מיט א שיינער געשטאלט וואס איז צוגעקומען צו מיר און געפרעגט מיט פאראיבל: 'פארוואס געבטסו נישט אכטונג אויף מיינע ווערטער?' און האט צוגעלייגט: 'איך בעט דיך אז פון היינט און ווייטער זאלסטו ארומגיין אין די שולן און מעורר זיין דעם ציבור זאלן אפהיטן דעם מאמר פון ריש לקיש: 'כל העונה אמן בכל כוחו פותחין לו שערי גן עדן', און זאג זיי אויב זיי וועלן מקפיד זיין אויף דעם וועלן זיי גראטעוועט ווערן פון אלע גזירות און זוכה זיין צו ברכות פון הימל'. ווען איך האב זיך אויפגעוועקט פון מיין חלום האב איך נישט געוואוסט וואו זיך אהין צו טון פון די פארכטיגע מחזה, און ווייל איך האב זיך געקווענקלט צי דער חלום איז אמת, אדער עס איז א חלום פון דברים בטלים, האב איך געבעטן מ'זאל מיר געבן א צייכן פון הימל. איך האב נאר געענדיגט מיין תפילה און איך האב אין אכט געלייגט אז מיין פינגער ליגט אויף די מימרא פון ריש לקיש אין מסכת שבת און פון דעם האב איך געהאט א צייכן פון הימל אז ס'איז א אמת'דיגער חלום, און דער הייליגער אמורא 'ריש לקיש' האט זיך אנטפלעקט צו מיר.

פון דעמאלטס אן געב איך אכטונג אויף מיין שליחות און איך בין מעורר די איינוואוינער פון מיין שטאט זאלן זיין געווארנט צו ענטפערן אמן, ווייל דורך דעם וועלן זיי זוכה זיין אז עס וועט זיך עפענען פאר זיי די שערי גן עדן" ('שירו למלך' עמ' 131).

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## די הויז וואס האט געווארט אויף א תפילה

'פארקויפן א הויז איז נישט קיין קליינינקייט', וועט צושטומען יעדער וואס האט שוין אמאל געטון אין דעם איינמאל אין זיין לעבן, 'איבערהויפט אויב פראבירט מען עס צו טון מיט די אייגענע כוחות אן הילף פון מעקלער', וועלן אנדערע צולייגן, און וועלן עס קלאר געבן צופארשטיין: די 'קאפ ווייטאג' הייבט זיך אן ביים נעמען די באשלוס, און טוט פארזעצן ביים אפמאכן די צופרידנשטעלנדע פרייז און פון די צווייטע זייט די מינימאלע פרייז, און אזוי ווייטער ביי די קייט פון די אלע וואס רופן און פרעגן זיך נאך אויף דעם, די מערהייט פון זיי זענען טיכטיגע מעקלער וואס ווילן נעמען א טייל אין די געשעפט וואס ווערט דא געוועבט, און א א קליינער טייל פון פאנטעציעלע קליענטן.

אויך צווישן די פאנטעציעלע קליענטן - די מערהייט פון זיי באגענוגן זיך מיטן זיך אינטערעסירן, און נאר דאס, נאר ווייניג פון זיי ווילן 'פארזעצן' - ד.מ.: קומען זען די הויז; קוקן, קווענקלען, האנדלען איבער די פרייז, אמאל האלט מען שוין ביים ענדיגן... אבער אין ענדע רוב גייען אראפ פון די געדאנק צוליב די סיבה אדער א אנדערע.

די וועג ביז צו פארקויפן א הויז, נעמט געווענליך א לאנגע צייט, אויב דו ביזסט נישט געדרוקט אין צייט, וועט אין ענדע אנקומען דער ריכטיגער קליענט. די פראבלעם הייבט זיך ווען עס קומט אן א צייט וואס דו ביזסט 'פארהאקט'. ווען עס קומט א צייט וואס דו מוזסט פארקויפן וועט דיר זייער שווער זיין צו שטיין אויף די פרינציפן וואס דו האסט באשלאסן פאר דיר אין אנהויב וועג. די מבינים אין 'נדל"ן' וועלן וויסן דיך אנווארענען דו זאלסט אלעס טון כדי דו זאלסט נישט אנקומען צו אזא צייט, אבער אויב דו האלסט שוין דארט, האסטו נישט אסאך וואס צו טון.

עס זענען גרויסע סוחרים אין 'נדל"ן' וואס ווארטן פונקט אויף דער מינוט. דעמאלטס קומען זיי צו פליען מיט זייער טויגליכקייט, זיי רעדן דיר צו מיט אזא פארשלאג וואס דו קענסט זיך נישט אקעגן שטעלן, וואס וועט דיך ארויס נעמען פון די שוועריקייט וואס דו ביזסט דארט, אויב דו וועסט נאר מסכים זיין נאכלאזן די פרייז צו די סומע וואס זיי האבן באשטימט דעמאלטס וועסטו עס קענען זיי פארקויפן אין א סקונדע.

אזאנס האט פאסירט מיט ר' שלמה, א טייערער יונגערמאן, וואס צוליב זיינע פריוואטע סיבות איז ער געצווינגען געווען צו פארקויפן זיין שיינע הויז און זיך אריבער ציעהן צו א אנדערער געגנט. ר' שלמה האט געקויפט א אנדערער הויז 'אויפן פאפיר', ווען דער קאנטראקטער האט אויסגעשטעלט פונקטליכע צייטן ווען צו באצאלן פון צייט צו צייט. ער האט גע'חתמ'עט אויף די קאנטראקט זייענדיג פארזיכערט אז זיין אויסנאם הויז וועט שנעל צוכאפט ווערן, און ער וועט קענען רואיגערהייט שטיין אין די טערמין פון באצאלן די נייע הויז, אבער זייער שנעל האט ער זיך איבערגעצייגט אז אן קיין סייעתא דשמיא איז גארנישט פארזיכערט.

מענטשן האבן זיך טאקע אינטערעסירט, זיי זענען געקומען זען די הויז, זיי האבן צוגעזאגט געבן א ענטפער, אבער אלעס האט זיך געענדיגט מיט גארנישט. ווען עס איז אריבער עטליכע חדשים און די דירה איז נאכנישט פארקויפט געווארן, נישט האבנדיג קיין אנדערע וועג האט ר' שלמה פרובירט צו בעטן הילף פון די מעקלער, אבער נאך וואס זיי האבן פרובירט וואס זיי קענען, האבן זיי נישט מצליח געווען צו ערקלערן פארוואס יעצט 'גייט זיי נישט'. א טייל פון זיי האבן געראטן ר' שלמה'ן ער זאל פארשענערן די אויסזען פון די הויז - אויפהענגען פירהענגען, לייגן זאכן וואס צושפרייטן א גוטן גערוך אין די צימערן, פארבן די ווענט, און נאך אזעלעכע געדאנקען וואס אין זיינע אויגן איז עס געווען מער פון די נארמאלע 'השתדלות', אבער גארנישט האט נישט געהאלפן.

דער קאנטראקטער האט געפאדערט זיינ'ס, און ר' שלמה האט שוין נישט געהאט קיין צייט; דער ערשטער באצאלט האט ער מצליח געווען צו באצאלן מיט א הלוואה וואס ער האט גענומען פון א קרוב משפחה און דעם צווייטן דורך א הלוואה וואס ער האט גענומען פון א באקאנטן גמ"ח. אבער ווען עס האט זיך דערנענטערט די טערמין פון די דריטע באצאלט האט זיך צושפרייט א ציטער אין זיין הארץ. די סומע איז געווען מער פון צען מאל פון א דורכשניטליכע הלוואה, און ער האט געהאט נאר צוויי אפציעס: די ערשטע - נעמען א קורצע הלוואה פון די באנק מיט א הויכן ריבית, און די צווייטע - ערנסט אראפלאזן די פרייז פון די הויז.

די צוויי אפציעס זענען פון זיין זייט געווען געפערליך, אבער דערנאך וואס ער האט זיך איבערגעטראכט און זיך באראטן מיט אנדערע, האט ער באשלאסן גיין אויף די צווייטע אפציע.

ער האט גוט געוואוסט אז עס זענען דא עטליכע גריבענע סוחרים וואס ווארטן נאר אויף דער מינוט. איינער פון זיי איז נאך געווען גאנץ א גראדער צו זאגן אז אין דער מינוט וואס ער וועט זיין גרייט אראפלאזן הונדערט טויזנט שקלים פון די מינימאלע פרייז וואס ער האט געבעטן, וועט ער באלד אפקויפן די דירה. אבער, אראפלאזן הונדערט טויזנט שקלים פון די פרייז פון די דירה, וואלט אים צוגעברענגט ער זאל שפעטער דארפן נעמען א הלוואה פון הונדערט טויזנט שקלים צו קענען באצאלן די נייע הויז.

ער האט זיך געוואנדן צו זיין רבי, איינער פון די חשובע אדמורי"ם, און געבעטן א עצה און א ברכה. דער רבי האט מיט געדולד אויסגעהערט די צדדים און אין ענדע האט ער זיך אנגערופן: "דו מעגסט נישט אראפלאזן די פרייז אויב שפעטער וועסטו מוזן נעמען א הלוואה".

"איז וואס זאל איך טון?", האט זיך געהערט ר' שלמה'ס צובראכענע שטימע. "שוין באלד א יאר וואס איך פרוביר אויף אלע וועגן פארקויפן די הויז אבער אן ערפאלג, די הלוואות וואס איך האב גענומען דרוקן אויף מיר, און מער פון אלעס איז די זארג פון וואו וועל איך האבן די ריזיגע סומע וואס איך דארף געבן פארן קאנטראקטער דריי טעג ארום".

דער רבי האט מיט געדולד אים ווייטער אויסגעהערט אבער ער האט נישט געטוישט זיין מיינונג; "דו האסט דאך נאכנישט געדאווענט מעריב", האט ער געזאגט צו ר' שלמה, "ווען דו שטעלסט דיך דאווענען און זיך אויסשמועסן מיט דיין פאטער אין הימל; טו אים באטייליגן מיט אלע זיינע פראבלעמען, דערצייל אים אלע דיינע צווייפלונגען און זאג אים ווי נייטיג דו דארפסט האבן געלט. באהאלט נישט גארנישט, דער אויבערשטער איז דאך א שומע תפילה, אב רחמן, תקיף ובעל היכולת. עס איז נישט קיין ספק אז ער וועט זיכער צוהערן דיין געבעט".

הערנדיג די ווערטער איז ר' שלמה שטיל געשוויגן, ער האט זיך נישט געראכטן אויף אזא ענטפער, און דער רבי וואס האט עס באמערקט האט צוגעלייגט און געזאגט: "וואס וואונדערסטו זיך? פונקט אויף דעם איז דאך געמאכט דאס דאווענען! דווקא אין א צייט וואס אלעס איז פארשלאסן און פארקנאקט, ווען דער מענטש קען שוין גארנישט טון און ער הייבט אויף זיינע אויגן צום הימל מיט א תפילה, קען די תפילה עפענען די שערי שמים און אים ברענגען א ישועה".

ר' שלמה איז ארויס פון רבי'נס צימער ווען ער איז באגלייט מיט א ווארימע ברכה און אין זיין הארץ צושפרייט זיך א דערהויבענע געפיל. ער האט געשפירט אז דער יסוד וואס דער רבי האט יעצט אנגעפלאנצט אין זיין הארץ וועט אים באגלייטן אגאנץ לעבן, אויך ווען די יעצטיגע געשעפט וועט זיך ענדיגן אויף א גוטן אופן. די ווערטער פון רבי'ן האבן אים געקלינגען אין זיינע אויערן - דווקא אין א ענגשאפט, איז די מערסטע פאסיגסטע צייט אויסשמועסן וואס ליגט אויפן הארץ פארן ריבון העולמים, און די ישועה וועט קומען.

פון רבי'נס הויז איז ער באלד געגאנגען צו א דערנעבנדיגן שול. ער האט געדאוונט פון טיפן הארץ, ער האט דערציילט פארן באשעפער זיין זארג פון די דאטום וואס דערנענטערט זיך, אויף די געשעפט וואס שטייט יעצט אויפן טיש וואס ער איז אין דעם נישט אזוי אינטערעסירט, אבער אין די מינוט איז דאס די איינציגסטע זאך וואס בדרך הטבע וועט דאס אים ערמעגליכן קענען שטיין אין די אלע זמנים פון באצאלן. לאנגע מינוטן איז ער געשטאנען און געדאוונט מיט כוונה, און ווען ער האט געענדיגט אראפלייגן אלעס וואס ליגט אים אויפן הארץ האט ער געשפירט אז עס גיסט זיך אין אים אריין פרישע כוחות.

די איבערראשנדע טויש האט שוין פאסירט מארגן אינדערפריה, ווען אין פריה שעה האט די טעלעפאן געקלינגען, און פון די אנדערע זייט האט זיך פארגעשטעלט א באקאנטער איד וואס פאר עטליכע חדשים האט ער זיך שוין אינטערעסירט אין די הויז און האט עס שוין אויך געזען. יעצט, ווי עס וואלט נישט אריבער א לאנגע תקופה פון דעמאלטס, האט ער באשלאסן אז ער איז אינטערעסירט צו פארמאכן די געשעפט מיט קעש און צאלן די סומע וואס מ'האט דעמאלטס געהאט גערעדט. ר' שלמה וואס איז געווען שאקירט פון די אומגעראכטענע אנטוויקלונג האט באלד צוגעשטימט.

א קורצע צייט נאכדעם זענען זיי ביידע געזיצן ביים טישל פון א אדוואקאט און די געשעפט איז גע'חתמ'עט געווארן ווען די צוויי זענען גענצליך צופרידן.

"איך פארשטיי נישט פארוואס איך האב זיך אויפגעהאלטן ביז יעצט", האט דער קליענט מיטגעטיילט ר' שלמה'ן מיט זיינע געפילן, ביים ארויסגיין פון די אפיס פון אדוואקאט, "די הויז איז מיר שוין דעמאלטס געפעלן, אויך די פרייז איז געווען פאסיג צו די געלט וואס איך האב פארמאגט, איך פארשטיי נישט פארוואס איז מיר אזוי שווער געווען צו באשליסן. היינט אינדערפריה בין איך אויפגעשטאנען מיט א שטארקע באשלוס באלד ענדיגן די געשעפט, און איך האב זיך זייער געפריידט צו הערן אז די הויז שטייט נאך צום פארקויפן. איך האב איך דעם געזען א צייכן פון הימל אז די הויז ווארט ספעציעל פאר מיר...".

ר' שלמה האט צוגעהערט און געשמייכלט. ער האט יא געהאט א קלארן הסבר אויף דעם וואס האט זיך געשלעפט ביז יעצט. די הויז איז נישט פארקויפט געווארן נאר ווייל זי האט געווארט אויף זיין תפילה. אין דער מינוט וואס ער האט געדאוונט פון טיפן הארץ, האבן זיך אפגעטון די אפהאלטונגען און די געשעפט איז געשלאסן געווארן.

פון דער בעל המעשה, געדרוקט אין 'פניני פרשת השבוע' ויגש עמ' פב

עיצובים shay